# יוגנט און די יידישע פרעסע

פון דוד־הירש ראסקעס
בראנדייס אוניווערסיטעט

דער מחבר פון דעם ארטיקל איז דער רעדאקטאר פון „יוגנטרוף". ער איז געבוירן געווארן אין מאנטרעאל מיט 18 יאר צוריק, און האט גראדואירט די מאנטרעאלער יידישע שולן און מיטלשול. טיילן פון דעם ארטיקל האט דער מחבר געלייענט ווי א רעפעראט אויף דעם סימפאזיום פון דעם „יוגנטרוף" - צוזאמענפאר אין חודש דעצעמבער אין ניו יארק. די אנדערע אנטיילנעמערס אין דעם סימפאזיום זיינען געווען משה עלבוים פון „פארווערטס" און וואלף יונין פון „טאג־מארגן דזשורנאל". דוד־הירש ראסקעס איז איצט א תלמיד אין בראנדייס־אוניווערסיטעט און א לערער אין דער ארב. רינג שול אין באסטאן.

אין פרקי אבות האב איך געלערנט: אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו — זאלסט ניט משפטן דיין חבר ביז דו אליין קומסט ניט אויף זיין ארט. דעריבער האב איך באשלאסן אז דער סאמע יושרדיקסטער צוגאנג וואס איך קען אננעמען, איז זיך פארצושטעלן וואס איך וואלט געטאן ווען איך בין דער רעדאקטאר פון א יידישער טאגצייטונג.

ביי היינטיקן טאג עקסיסטירן בלויז דריי יידישע טאגצייטונגען אין די פאראייניקטע שטאטן: דער פארווערטס, דער טאג־מארגן־זשורנאל און די מארגן־פרייהייט. די עלטסטע און גרעסטע אין טיראזש, דער „פארווערטס", פלעגט זיין מיליטאנטיש־סאציאליסטיש, אנטי־קלעריקאל, און אנטי־ציוניסטיש. אבער דער „פארווערטס" האט זיך געביטן. בשעת דעם דריטן חורבן האט ער אנגענומען א פריינדלעכן צוגאנג צו ציוניזם, וואס דאס איז פארשטארקט געווארן נאך דער גרינדונג פון דער מדינה.

די אריענטירונג פונעם „טאג" איז תמיד געווען ציוניסטיש־נאציאנאליסטיש. זינט 1953, ווען דער „טאג" האט זיך צונויפגעגאסן מיטן „מארגן־זשורנאל", האט דער „טאג" אויך אנגענומען א בפירושן רעליגיעז־טראדיציאנאליסטישן כאראקטער. איצט איז ער די איינציקע טאגצייטונג מיט וועלכער א טייל פון דער יידיש־רעדנדיקער ארטאדאקסיע פילט זיך נאענט. אין ביידע צייטונגען שרייבן בארימטע פובליציסטן און פאעטן, און במילא געפינט מען דארטן וואגיקע עסייען, וואס געוויינטלעך זעט מען זיי ניט אין קיין טאגצייטונג.

די „מארגן־פרייהייט" איז א פארטיי־זשורנאל, און במילא האט זי נאר א צוצי פאר אידעיש־נאענטע מענטשן.

נו, גיב איך א קוק אויף די דאזיקע דריי צייטונגען, און איך קלייב אויס איינע פון זיי — איך וויל ניט אויסזאגן דעם סוד וועלכע. איך ווער איר נייער שעף־רעדאקטאר.

איידער וואס־ווען, באקען איך זיך מיט מיינע מיטארבעטערס און כ'בלייב שטיין געפלעפט. ס'רוב פון זיי זיינען גענוג אלט צו זיין מיינע זיידעס. ד"ר שיקל פישמאן, אין זיין בוך „יידיש אין אמעריקע", גיט אן אז דער דורכשניטלעכער עלטער פאר יידישע זשורנאליסטן איז 69 יאר. דעריבער פארלאז איך זיך גלייך א בארד, כדי איך זאל ניט אויסזען אזוי יונג אנטקעגן זיי.

אזוי ווי איך בין א גרויסער אנהענגער פון חשבון־הנפש, רוף איך צונויף די גאנצע רעדאקציע, מיט די זעצערס און סעקרעטארן אריינגערעכנט, און איך רעד צו זיי כהאי לשנה:

„חשובע פריינד. איך, דוד־הירש בן יהודה־לייב, בין היינט געווארן דער רעדאקטאר פון אונדזער ליבער צייטונג. איר דארפט זיך גארניט זארגן — כ'וועל קיינעם ניט אפזאגן פון זיין פאסטן. דאס מיינט אבער ניט אז איך וועל ניט פרואוון איינפירן שינויים, סיי אין דער פארעם, סיי אינעם אינהאלט פון אונדזער צייטונג.

„ווי איר ווייסט, האט אונדזער פרעסע גרויסע פארדינסטן. מער ווי וועלכער עס איז געזעלשאפטלעכער כוח, האט די יידישע פרעסע געווירקט ווי א וועגווייזער פארן לייענער אין זיין נייער אמעריקאנער היים. פאראלעל מיט דער אמעריקאניזיר־פונקציע איז געגאנגען די פונקציע צו העלפן בויען יידישע אינסטיטוציעס אין אמעריקע. אין די 30ער יארן איז די יידישע פרעסע געווען דער כוח, וואס איז געשטאנען הינטער דער גרויסער פראטעסט־באוועגונג קעגן היטלעריזם. אונדזער פרעסע האט געהאלפן ווירקן אויף דער אמעריקאנער רעגירונג צו שטיצן די גרינדונג פון מדינת ישראל. די יידישע פרעסע האט געהאלפן שאפן א יידישע עפנטלעכע מיינונג, און עד היום פילט זי אן „מעדיסאן סקווער גארדן" פאר יידישע אסיפות.

„אונדזער פרעסע האט געדרוקט און דרוקט נאך אלץ גוטע פאעזיע און ראמאנען; זי האט געדרוקט א סך מאטעריאל וועגן אמעריקאנער געשיכטע און וועגן וויסנשאפט, ווי אויך ערנסטע אנאליזן פון יידישע געשעענישן.

„די טאגפרעסע האט תמיד געדינט די אינטערעסן פון די יידישע מאסן. כאטש אונדזערע זשורנאליסטן האבן געקענט גוט יידיש און זיינען געווען געבילדעטע מענטשן, האבן זיי אפט מאל ניט דערשאצט די אינטעליגענץ און וויסן פון יידישן לייענער. אזוי ארום האט די טאגפרעסע גענוצט „פאטייטא־יידיש", א דעגראדירנדיקער געמיש פון יידיש און ענגליש. דערצו האט די אמעריקאנער יידישע פרעסע אלע מאל גענוצט א פארעלטערטן, דייטשמערישן אויסלייג פונעם 19טן יארהונדערט, נאך דעם ווי כמעט אלע יידישע פובליקאציעס אויף דער גארער וועלט האבן אויפגעהערט צו באנוצן די דאזיקע ארטאגראפיע. די ביטול־באציונג צו יידיש האט זיך ארויסגעוויזן אויך אויף אן אנדער אופן. די יידישע פרעסע האט זיך אפגעזאגט צו קעמפן פאר איין ציל — דער ציל פון יידיש־לאיאליטעט. ביי פארשידענע צייטן האט זיך די אדער יענע צייטונג אנגענומען פאר סאציאליזם אדער ציוניזם, אדער קאמוניזם, פאר פרומקייט, אמעריקאניזאציע אדער אנטי־קלעריקאליזם. פאר יידישיזם האבן געקעמפט בלויז איינצלנע שרייבערס; יידישיזם איז קיין מאל ניט געווארן די אפיציעלע פאליטיק פון קיין איין יידישער טאגצייטונג.

„די יידישע לייענערשאפט איז תמיד געווען אן אימיגראנטישע. ניט נאר זיינען די לייענערס און אבאנענטן פונעם אימיגראנטן־דור, נאר די פובליציסטן אליין אויך. די גראדואנטן פון די יידישע וועלטלעכע שולן זיינען ניט געווארן קיין לייענערס פון דער יידישער פרעסע. וועגן דעם שרייבט י. חייקין אין זיין בוך „יידישע בלעטער אין אמעריקע", נ. י., 1946:

> די יידישע צייטונגען האבן אין די בעסטע יארן פון זייער מאכט און השפעה, באקעמפט די איינציקע דערציאונגס־באוועגונג, וואס האט זי געקענט — זאל זיין אין א זייער באגרענעצטער מאס — באזארגן מיט אן אמעריקאנער נאכוואוקס פון לייענערס און שרייבערס. נאר דער עגאאיסטישער קורצזיכטיקער קוק פון „נאך אונדז — מעג דער מבול קומען!" — האט געקענט גורם זיין אזא זעלבסטמערדערישע באציאונג צו דער שולן־באוועגונג מצד די דאזיקע צייטונגס־מנהיגים.

„און איצט", — רעד איך ווייטער צו די מיטארבעטערס פון מיין צייטונג — „וויל איך ציטירן פון בן־ציון גאלדבערגן אין

„טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פונעם 12טן דעצעמבער, 1966:

אויפן לייענער פון דער ייִדישער צײַטונג דאַרף מען קוקן ניט אַזוי קוואַנטיטאַטיוו ווי קוואַליטאַטיוו, ניט אַזוי וויפל לייענערס, ווי וואָסערע לייענערס. די ייִדישע פּרעסע וואָלט הײַנט געהאַט אַ בעסערע מערכה ווען זי וואָלט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דער קוואַליטעט־לייענערשאַפט, זיך רעכענען מער מיט דעם בעסערן לייענער, ניט נעמען אים אויף זיכער. די יונגע לייענערס — מען וויל נאָר וויסן וויפל זיי זײַנען. וויל מען, אָדער האַלט מען בײַ טאָן עפּעס פאַר זיי? זיך פאַרבינדן מיט זײַ, באַדינען זיי אין די אינטערעסן וואָס זיי האָבן?

אַזוי וועל איך זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר מײַנע מיטאַרבעטערס אין דער צײַטונג. אָבער בלײַבן בײַ סתם רייד וועט עס ניט. אויפן צווייטן טאָג וועל איך זיך זען מיטן אַרויסגעבער פון דער צײַטונג. איך וועל זיך פרײַנדלעך באַגריסן מיט אים און כ'וועל אים פּרוּוון אײַנרעדן, ער זאָל אַרײַנלייגן נאָך פופציק טויזנט דאָלאַר אין מײַן פאַרבעסער־פּראָגראַם.

— ליבער חבר ראָסקעס — וועט ער מיר זאָגן — איר דאַרפט וויסן, אַז אײַער צײַטונג וועט אַרײַנברענגען גאָר ווייניק פּראָפיטן. ווען איך וויל, קען איך אינוועסטירן מײַנע פאַרמעגנס אין אַ בעסערן געשעפט און פאַרדינען דערפון אַ מאַיאָנטעק מיטן געלט. איך טו דאָס אָבער ניט, ווײַל איך בין עמאָציאָנעל צוגעבונדן צו אײַער צײַטונג. אָבער איצט בעט איר בײַ מיר אַן אוממעגלעכע זאַך — אַז כ'זאָל אַרײַנלייגן נאָך טויזנטער. דאָס איז דער גאַנצער ריווח מײַנער! חבר ראָסקעס, אַזוי פירט מען ניט קיין געשעפטן.

— איך פאַרשטיי אײַך זייער גוט, חבר אַרויסגעבער — וועל איך ענטפערן — איך קען אײַך טאַקע ניט צוזאָגן אַז די פופציק טויזנט דאָלאַר וועלן ניט גיין אין ניוועץ. איך ווייס פונקט אַזוי גוט ווי איר אין וואָס פאַר אַ שווערן פינאַנציעלן מצב די ייִדישע פּרעסע געפינט זיך בײַ הײַנטיקן טאָג. אָבער איין זאַך קען איך אײַך יאָ צוזאָגן, אַז מיר וועלן די קאָנקורענץ לאָזן ווײַט פון הינטן. אונדזער צײַטונג וועט ווערן אַזוי פּאָפּולער, אַז די לייענערס פון די אַנדערע צוויי צײַטונגען וועלן באַלד אַריבערקומען צו אונדז.

מיט אַזאַ „סיילזפּיטש" וועל איך אים איבעררעדן. איך וועל פאַרלאָזן זײַן אָפיס מיט אַ טשעק פאַר פופציק טויזנט דאָלאַר.

אויפן דריטן טאָג וועל איך זיך זען מיט מײַנע זעצערס. כ'וועל זיי אויפקלערן אַז פונקט אַזוי ווי די ייִדישע פּרעסע האָט ניט פאַרלוירן קיין איינציקן לייענער ווען זי האָט אויפגעהערט אויסלייגן „קלאַססען" מיט צוויי סמכן, „וויא" מיט אַן אלף, און „אַללע" מיט צוויי למדס, אַזוי וועט קיין איין לייענער ניט אַוועקפאַלן אויב מע וועט אָפּשאַפן דעם שטומען עין, דעם שטומען אלף און דעם שטומען „ה". איך וועל זיי ציטירן דאָס וואָס לייוויק האָט געשריבן אין „טאָג" מיט צען יאָר צוריק: „וואָס עס פעלט אונדז איז טאַקע איינהייטלעכקייט. אין דער אָפליכט פון גאַנצקייט גייט עס. ניט אין קאַפּריז, ניט אין אינטעליגענטישקייט; ניט אין לומדות גייט עס, נאָר אין פּשוטער חשיבות צו אונדזער לשון".

מײַן בקשה צו די זעצערס איז אַז זיי זאָלן אָננעמען די אָרטאָגראַפיע פון כמעט אַלע ייִדישע צײַטשריפטן און ביכער איבער דער וועלט. די פולע תקנות וועט מען קענען דורכפירן נאָך עטלעכע יאָר, ניט גלײַך אויף אַ מאָל. פאַרשטייט זיך, אַז מײַנע זעצערס וועלן מסכים זײַן דערצו, ווײַל זיי זײַנען אינטעליגענטע ייִדן, וואָס ווילן דאָס בעסטע פאַר זייער צײַטונג.

מיט די פופציק טויזנט דאָלאַר וועל איך טאָן דאָס ווײַטערדיקע: ערשטנס וועל איך באַשטעלן קנעפּלעך מיט דער ייִדישער אויפשריפט: „מיר באַמיִען זיך מער". די קנעפּלעך וועלן מיר אַרויסשיקן צו אַלע אַבאָנענטן, סײַ פון דער צײַטונג, סײַ פון די קאָנקורענץ־צײַטונגען. דערצו וועל איך אָנשטעלן נאָך דרײַ מענטשן צו אַרבעטן אין דער רעדאַקציע. איינעמס אַרבעט וועט זײַן צו באַשטעטיקן און צו פאַרריכטן די פּרעסע־מעלדונגען וואָס ווערן אַרײַנגעשיקט און די אַרטיקלען וואָס ווערן געשריבן פון די אַנדערע רעדאַקציע־מיטגלידער. למשל, ווען איין מיטאַרבעטער שרײַבט אַן אַרטיקל וועגן דעם אַז אין אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען קען מען ניט באַקומען קיין כשר עסן, זאָל יענער אָנקלינגען אין די הויפּט־עראָפּלאַן־געזעלשאַפטן און אויסגעפינען צי דאָס איז טאַקע אמת.

דער צווייטער וועט זײַן אַ מין וויסנשאַפט־רעדאַקטאָר. אויף דעם דאַרף מען אַנגאַזשירן אַ מענטשן וואָס איז באַקאַנט סײַ מיט דער פיזישער און ביאָלאָגישער וויסנשאַפט, סײַ מיט די סאָציאַלע וויסנשאַפטן. ער וועט האָבן אַ שטענדיקן רובריק, כדי די גאַנצע וועלט און אירע פּראָבלעמען זאָלן געפינען אַן אָפּשפּיגלונג אין דער הײַנטיקער ייִדישער פּרעסע.

דער דריטער וועט האָבן די סאַמע וויכטיקסטע אַרבעט. ער וועט, פאַרשטייט זיך, מוזן זײַן אַ געוועזענער מיטגליד פונעם יוגנטרוף. ער וועט ווערן דער רעדאַקטאָר פונעם נײַעם „קול מבשר", אַ ספּעציעלע וועכנטלעכע בײַלאַגע צו מײַן צײַטונג. די בײַלאַגע וועט יאָ ווערן געדרוקט מיט די תקנות פון איינהייטלעכן אויסלייג און וועט ניצן אַן עכטן קולטור־ייִדיש. דער אינהאַלט וועט זײַן צוגעפּאַסט צו יונגע אַמעריקאַנער־דערצויגענע לייענערס. אַנשטאָט צו זײַן אָנגעפילט מיט סענטימענטאַלע באַשרײַבונגען פון דער „אַלטער היים", מיט מעלאָדראַמאַטישע מעשיות וועגן געמישטע חתונות, געגטע פרויען און ניט־געטרײַע מענער, וועט די בײַלאַגע פּרוּוון געבן אַן איבערבליק אויפן אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ ווי אויך אויף וויכטיקע ייִדישע דערשײַנונגען אין דער וועלט בכלל. אין דעם נײַעם „קול מבשר" וועלן אויך אַרײַנגיין אינטערוויוען מיט וויכטיקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, רעצענזיעס פון פילמען און קונסט־אויסשטעלונגען און קריטישע באַשרײַבונגען פון ייִדישן לעבן אין פאַרשידענע שטעט איבערן לאַנד.

איך זאָג ניט אַז די אַלע אָנשטרענגונגען וועלן ברענגען משיחן. אָבער ווען איך בין דער רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער טאָג־צײַטונג, וואָלט מיר איין זאַך געווען קלאָר: אַז אויב די פאָרעם און דער אינהאַלט פון דער ייִדישער טאָגפּרעסע וועט זיך ניט בײַטן, וועט די לייענערשאַפט סוף־כל־סוף אויסשטאַרבן און קיין פאַרטרעטערס וועלן ניט זײַן. ווי אַ רעדאַקטאָר וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, געוואָלט אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די צײַטונג, און דאָס קען מען נאָר טאָן דורך מאָדערניזאַציע און דורך אַ נײַער אָריענטירונג.


נאָר וואָס אַרויס אַ נייע פּלאַטע
מיט ייִדישע פאָלקס־און קונסט־לידער
„אין פרייד און אומעט"
געזונגען פון
סאָניע ליזאַראָן
לידער פון
איציק מאַנגער, מ. געבירטיק, ה. רויזנבלאַט,
א. לוצקי, ז. שניאור, א"א
פּרייז: — $5.00
צו באַקומען אין אָפיס פון בילדונגס־אָפּטיילונג פון
אַרבעטער־רינג, 175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק 100002.

# קולטור און דערציאונג

שול־ און קולטור־זשורנאַל

**אַרויסגעגעבן פון**

בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג

**י. מלאָטעק, רעדאַקטאָר** — **J. MLOTEK, Editor**

**CULTURE AND EDUCATION** 175 East Broadway, New York, N. Y.

**נומער 3** — **מערץ, 1967** — **37סטער יאָרגאַנג**


## אינהאַלט


⁂ — אָנערקענונג דער יִדישער ליטעראַטור

⁂ — — — — באַגריסונג צו דוד איינהאָרן

י. מלאָטעק — — — — — אויפן סדר־היום

ד״ר ש. פישמאַן — דימענסיעס פון יִדישקייט

מ. אַלעקסאַנדער — וועלטלעכער שולחן־ערוך

ח. ז. קאַזדאַן — דאַרפן מיר אַ שולחן־ערוך?

מ. אָליצקי — — די יערלעכע שול־קאָנפערענץ

א. גאָלאָמב — — „העברעאישע דערציאונג״

ש. ד. דינגער — — — — — י. גלאַטשטיין

י. שטיינבוים — — — — — איינע פון די סיבות

ח. ז. קאַזדאַן — — — א. מאַנגער אין וואַרשע

ז. ראַסקעס — — יוגנט און די יִדישע פרעסע

ד״ר וו. גליקסמאַן — — — — ר. פעדערמאַן

א. גאָלדבערג — — — — קולטור־כראָניק